**אויף תיכף ארויסצוגעבן:** 5/3/2023 **גאווערנער קעטי האקול**

**גאווערנער האקול מעלדט באשטעטיגונג פון $1 ביליאן פלאן איבערצומאכן ניו יארק סטעיט'ס פארזעצונג פון גייסטישע העלט קעיר**

**פיסקאל יאר 2024 בודזשעט וועט העכערן אין-פאציענט פסיכיאטערישע באהאנדלונג מעגליכקייטן, וועט דראמאטיש אויסברייטערן אוטפעשיענט סערוויסעס און פארשטערקן אינשורענס דעקונג**

**די טראנספארמאטיווע פלאן רעפרעזענטירט די גרעסטע סטעיט אינוועסטירונגען אין גרונטליכע מענטל העלט קעיר זינט די די-אינסטיטושעלייזעישן ערא פון די 1970ער יארן**

גאווערנער קעטי האקול האט היינט געמאלדן אן $1 ביליאן דאלערדיגע טראנספארמאטיווע, מולטי יעריגע אינוועסטירונג צו פאריכטן די שטאט'ס פארזעצונג פון גייסטישע געזונטהייט באהאנדלונג און דראסטיש רעדוצירן די צאל פון ניו יארקער מיט אומגעהאלפענע גייסטישע געזונט נויטונגען. אלס טייל פון די פיסקאל יאר 2024 בודזשעט, וועט די פלאן פאריכטן א סיסטעם וואס האט פאר יארן געליטן פון א כראניש נידריג אינוועסטירונגען דורכן דראמאטיש אויסברייטערן צוטריט, רעדוצירן די צייט פוןווארטן, און פארזיכערן אז געאייניגטע שטאפלען פון באהאנדלונג ווערן צוגעשטעלט פאר די וואס מוטשענען זיך מיט מענטל העלט אישוס. די בודזשעט וועט צושטעלן פאנדינג פאר נייע רעזידענטל יוניטס, פארגרעסערן אין-פאציענט אויסהאלטונגס קראפט און דראמאטיש פארגרעסערן אוט-פאציענט סערוויסעס. אין צוגאב, וועט זיין אינוועסטירונגען אין פריינט באזירטע הילף, אן אויסברייטערונג אין שולע באזירטע מענטל העלט סערוויסעס, אין פארמאכן די לעכער אין אינשורענס דעקונג פאר ביהעוויארעל העלט אישוס.

"יארן פון כראניש נידריג אינוועסטירונגען האט צוגעברענגט אז צו פיל ניו יארקער זאלן אריינפאלן צווישן די שפאלטן פון די סטעיט'ס מענטל העלט קעיר סיסטעם," **האט גאווערנער האקול געזאגט.** "די פלאן צו פאריכטן אונזער שטאט'ס פארזעצונג פון מענטל העלט קעיר צייכנט א געדענקבארע טויש אין אונזער צוגאנג, צוריקדרייענדיג יארן פון נאכלאזונג אין אונזער סיסטעם און וועט ברענגען בולט'ע אינוועסטירונגען צו פארזיכערן אז יעדער אין אונזער סטעיט האט צוטריט צו די הויכע קוואליטעט באהאנדלונג וואס זיי פארדינען זיך. היינט צייכענען מיר א נייע צייט אין אונזער סטעיט, מאכנדיג מענטל העלט נויטיגונגען פאר אלע ניו יארקער א הויכע פריאריטעט."

די בודזשעט וועט צושטעלן $890 מיליאן דאלער אין קאפיטל און $120 מיליאן דאלער אין אפערערונגס פאנדינג צו אוועקשטעלן און אנפירן 3,500 רעזידענשל יוניטס. די פרישע יוניטס נעמט אריין: 500 קאמיוניטי וואוין ערטער איין צימער אקופירנדע יוניטס וואס שטעלן צו האוזינג און דרינגליכע סערוויסעס פאר אינדיווידואלן מיט ערנסטע מענטל העלט קרענק וואס זענען אין די מערסטע ריזיקע פון היימלאזיגקייט; 900 צייטווייליגע סטעפ-דאון יוניטס און 600 לייסענסד אפארטמענטס צו סערווירן מענטשן וואס נויטיגן זיך אין א מיטלגארטיגע שטאפל פון סערוויסעס; 1,500 שטיצנדע האוזינג יוניטס צו סערווירן אינדיווידואלן מיט ערנסטע גייסטישע קרענק וואס האבן וויניגער קריטישע פאדערונגען אבער נויטיגן זיך נאך אלס אין שטיצע צו וואוינען אין די קאמיוניטי. אויך ווערט אריינגענומען $25 מיליאן

דאלער אין קאפיטל און $7.3 מיליאן דאלער אין אנפירונגס קאסטן פאר 60 קאמיוניטי סטעפ-דאון האוזינג יוניטס אין ניו יארק סיטי, וואס וועט סערווירן געוועזענע אומבאזעצטע מענטשן וואס גייען יעצט ארויס פון אין-פאציענט באהאנדלונג.

די באדזשעט וועט צושטעלן $18 מיליאן דאלער קאפיטל און $30 מיליאן דאלער אין אנפירונגס פאנדינג צו אויסברייטערן די אין-פאציענט פסיכיאטערישע בעטן, אריינרעכנדיג דאס עפענען 150 נייע ערוואקסענע בעטן אין סטעיט-געפירטע פסיכיאטערישע שפיטאלן, רעפרעזענטירנדיג די גרעסטע אויסברייטערונג אין די אנשטאלטן פאר צענדליגע יארן. אין צוגאב, וועט די באדזשעט צושטעלן די סטעיט אפיס און מענטל העלט מיט פארגרעסערטע אויטאריטעט צו סאנקציאנירן ארטיקל 28 קאמיוניטי שפיטאלן פארן נישט נאכקומען די צאל פון פסיכיאטערישע בעטן אויסגעשריבן אין זייער אפערעיטינג סערטיפיקאט, וואס דעמאנסטרירט די גאווערנער'ס פארפליכטונג צו פארזיכערן אז בעטן וואס ווערן אראפגענומען בשעת די קאוויד-19 פאנדעמיע ווערן צוריקגעשטעלט אין דינסט זאפארט.

צו פארברייטערן אוט-פאציענט סערוויסעס וועט די בודזשעט אינוועסטירן $60 מיליאן אין קאפיטל און $121.6 מיליאן דאלער אין אנפירונג פאנדינג, וואס וועט אוועקשטעלן 12 נייע פולשטענדיגע פסיכיאטערישע עמערדזשענסי פראגראמען וואס שטעלן צו שפיטאל שטאפל קריזיס באהאנדלונג און דרייפאכיג פארמערן די צאל פון סטעיט געפאנדעטע סערטיפייט קאמיוניטי ביהעיוויארעל העלט קליניקס איבער די שטאט-פון 13 ביז 39- וואס אפפערן וואלק-אין, זאפארטיגע פאראייניגטע מענטל העלט און סאבסטענס באנוץ דיסארדער סערוויסעס פאר ניו יארקער פון יעדע עלטער און אינשורענס סטאטוס.

די פאנדינג וועט אויך שאפן נאך 42 פרישע אסערטיוו קאמיוניטי טריעטמענט טיעמס שטאבן פאר קינדער און ערוואקסענע און צושטעלן מאביל, שווערע סערוויסעס פאר ניו יארקערס וואס זענען עט ריסק און נאך אכט סעיף אפציעס סופארט שטאבן - פינף אין ניו יארק סיטי און דריי אין די איבריגע חלקים פון די סטעיט - צו געבן הילף און פארבינדונג צו סערוויסעס פאר היימלאזע באפעלקערונגען מיט גייסטישע קרענק און סאבסטונס באנוץ דיסארדערס. די גרויסקייט אין 20 ארטיקל 31 קליניקס וועלן ווערן אויסגעברייטערט, צושטעלנדיג וויכטיגע מענטל העלט סערוויסעס פאר די מערסט שוואכע ניו יארקערס.

אן אינוועסטירונג פון $28 מיליאן דאלער וועט העלפן מאכן 50 נייע קריטיקל טיים אינטערוועגשן באהאנדלוג קאארדינאציע שטאבן צו צושטעלן פולע סערוויסעס אויפאמאל- פון האוזינג צו ארבעטס הילף, פאר אינדיווידואלן וואס דארפן טראנספארטאציע הילף, אריינגערעכנט קינדער און ערוואקסענע וואס ווערן ארויסגעלאזט פון שפיטאל און עמערדזשענסי רומס.  די אינוועסטירונג וועט פארזיכערן די סוקסעס פון די נייע פאדערונגען פאר שפיטאלן צו זיין פאראנטווארטליך ווען זיי נעמען אריין און לאזן ארויס פאציענטן, אריינגערעכט גרונטליכע סטאנדארטן פאר אפשאצומגען און פארגרעסערטע סטעט-שטאפל איבערזיכט צו פארזיכערן אז די פראטאקלן ווערן עפעקטיוו גענוצט.

אן אינוועסטירונג פון $2.8 מיליאן וועט אויסברייטערן די אינטענסיוו און סאסטעינד ענגעדזשמענט טריעטמענט פראגראם צו אפפערן פריינט-באזירטע הילף און באטייליגונג פאר ערוואקסענע מיט ערנסטע גייסטישע קרענק. נאך $3.3 מיליאן דאלער וועט ווערן אינוועסטירט אין די אינדיווידואלע פלעיסמענט און סופארט פראגראם, פארזיכערנדיג אז די פארברייטערטע באנוץ פון עדות-באזירטע מאדעלן פון געשטיצטע אויסהאלטונגס פאר ערוואקסענע מיט גייסטישע קרענק.

די בודזשעט טוט צושטעלן $30 מיליאן צו פארברייטערן גייסטישע העלט סערוויסעס פאר שולע-עלטער קינדער דורכאויס די סטעיט, אריינגערעכנט $20 מיליאן פאר שולע-באזירטע גייסטישע העלט סערוויסעס און $10 מיליאן צו איינפירן פולע סערוויסעס טרענירונג. ווי אויך, טוט די בודזשעט אריינרעכנענן $10 מיליאן צו פארשטערקערן זעלבסטמארד פארמיידונגס פראגראמען פאר הויכע-ריזיקע יוגנטליכע.

אין צוגאב, טוט דער בודזשעט טוט צושטעלן $18 מיליאן איבער צוויי יאר צוריקצוצאלן פראוויידערס פאר פארמיליע פארמיידונגס גייסטישע העלט סערוויסעס פאר עלטערן און זייערע קינדער; און $24 מיליאן איבער צוויי יאר צוריקצוצאלן פראוויידערס פאר נעגאטיווע קינדהייט דורכגאנג אונטערזוכונגען. די פיסקאל יאר 2024 בודזשעט טוט אויך בויען אויף אינוועסטירונגען וואס זענען געמאכט געווארן אין די פיסקאל יאר 2023 בודזשעט, אריינגערעכנט $12 מיליאן אוועקגעלייגט פאר די העלטיסטעפס און היים-באזירטע קריזיס אינטערוועניציע פראגראמען צו הייבן פריע קינדהייט אנטוויקלונג און באהאנדלונג פאר קינדער און יוגנטליכע; און $3.1 מיליאן צו הייבן באהאנדלונג פאר אינדיווידואלן מיט עסן דיסארדערס.

די בודזשעט טוט אויך צושטעלן נאך $60 מיליאן דאלער צו שטיצן די 988 זעלבסטמארד און קריזיס לייף ליין - א העכערונג פון $25 מיליאן פונם פריערדיגן בודזשעט. צו שטיצן די ארבעטס קראפט וועט די בודזשעט אריינעמען א 4 פערצענט קאסטן פון לעבן איינשטעלונג און נאך $5 מיליאן דאלער פאר די אפיס פון מענטל העלט קאמיוניטי מענטל העלט לאון ריפעימענט פראגראם, פארברייטערנדיג די בארעכטיגונג פאר די פראגראם צו אריינעעמען לייסענסד מענטל העלט פראפעסניאלן.

אין צוגאב צו צושטעלן קריטישע פאנדינג, וועט די בודזשעט פארמאכן לעכער אין אינשורענס דעקונג וואס האט בלאקירט ניו יארקערס וואס נויטיגן זיך אין מענטל העלט קעיר און סאבסטענס באנוץ דיסארדער סערוויסעס. אונטער די טוישונגען וואס ווערן אויסגעשריבן אין די בודזשעט, וועלן קאמערציאלע אינשונרעס פלענער מוזן אריינעמען נעטווארק נאכקומנדע סטאנדארטן פאר בעהעוויארעל העלט סערוויסעס; דעקן לעבנס-וויכטיגע מאביל קריזיס, קריזיס אינטערווענירונג, און סערוויסעס פאר נאכן ווערן ארויסגעלאזט, די וואס ווערן צוגעשטעלט אין שולע באזירטע מענטל העלט קליניקס און לעבנסוויכטיגע אדיקציע מעדיצין באהאנדלונג און אווערדאוז צורקדרייאונגס מעדיצינען וואס זענען דא צו באקומען אווער די קאונטער; און אויספאלגן דאס אויסנוצן ריוויו סטאנדארטן וואס פארבאטן דאס אויטאריזירן פון פארדעם אדער ראייניגע ריוויוס פאר די ערשטע דרייסיג טעג פון מענטל העלט באהאנדלונג פאר ערוואקסענע אין אן אין-נעטווארק אין-פאציענט שפיטאל אדער קריזיס רעזידענץ.

###

נאך נייעס קען מען באקומען ביי www.governor.ny.gov
ניו יארק סטעיט | עקזעקיוטיוו קאמער | press.office@exec.ny.gov | 518.474.8418

זיך ארויסשרייבן